STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04584

LIEDER

A. Agni

Permanent preservation of this book was made possible
by Ben & Sarah Torchinsky
in memory of
"Yosl" Mlotek, a good friend and excellent teacher from long ago

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אגני:

ליעדער

אַרויסגעגעבען פון זיין ברודער וו. גאָרדאָן
נ י ו - י אָ ר ק.
1919

א פאר ווערטער.

א. אגני (זיין אמת'ער נאמען: אהרן גארדאן). געבוירען אין 1889 אין בעלאצערקאוו, קיעווער גוב., רוסלאנד. אין די קינדישע יאהרען געלערענט אין חדרים, שפעטער געווען אנ־עקסטערנער. געווארען א בונדיסט, דערנאך א ציוניסט־סאציא־ליסט. אומגעפאהרען איבער רוסלאנד. געווען א לעהרער. גע־הונגערט. געקומען קיין אמעריקא, קיין באסטאן צו עלטערען. שוין א האלב־קראנקער. געשטארבען אין באסטאנער טובער־קולאזום־האספיטאל דעם 21טען סעפטעמבער 1916. אלט זייענדיג זיעבען און צוואנציג יאהר.

ס'איז דאס ערשטע מאל, אז איך וואג צו שרייבען א פאר־רעדע, ווי מען רופט עס, און נאך צו ליעדער פון איינעם, וואס איז אין די ליטעראַרישע קרייזען קיינמאל ניט באקאנט געווען און איז זעלטען ווען געדרוקט געווען.

איך טו עס גערן. איך ציה אייער אויפמערקזאמקייט צו

דעם קליין ביכעל האלב־ליעדער האלב־נאטיצען, וואס ליגט פאר אייערע אויגען. אויפמערקזאמקייט, וואס איז אזוי שווער ארויסצורופען אין היינטיגע צייטען, בפרט נאך צו אנ׳אנפאנ־גער, וואס האט געשריבען זיינע ליעדער, ווייזט אויס, צופעליג, ניט ריכטענדיג זיך אויף קיין זאך, ניט זוכענדיג זיי קיינמאל אליין צו דרוקען.

גשריבען, מעהרסטענטהייל זעהר אינגעלש, אבער אייגענארטיג אינגעלש, געזוכט טרייסט, דערלייזונג פאר זיין טרויעריגען לעבען, שטילערהייט געוויינט, אויף זיך אליין געוועזן צו לאסט זיך און דער וועלט, געשפירט ווי דער טויט געהט איהם נאך אויף שריט און טריט, געהט איהם נאך און מיט יעדען טאג כאפט ער איהם אריין אלץ מעהר אין זיינע הענט, כאפט איהם אריין און — נעהמט איהם צו...

איך לאז זיך ניט אריין אין קיין קריטישער אבהאנדלונג און עס קען אויך קיין רייד ניט זיין פון געבען הסכמה. די הסכמה אויף די קליינע ליעדער פון אגני האט שוין געגעבען אנ׳אנדערער, א גרעסערער, א שטארקערער פון מיר, אנ׳אמת׳ע־רער פון מיר — דער טויט.

אין אנגעזיכט פון טויט צופליהען אלע קריטיקען ווי

שפּינגוועבס, און דער טרויער, וואָס הויכט אַרויס פון אַלע גוטע צי שלעכטע ליעדער פון אַגני, רעדט צו אונז מיט אַ קול פון באַ־פעהל: לעזט און — שווייגט. הערט זיך צו און פאַרנעמט. מעהר גאָרנישט.

טו איך אַזוי.

איך נעהם אָן פאַר ליעב אַלץ וואָס איך לעז אַרויס פון די קורצע, אָפּט זעהר איינגעגעבענע אויסגעזונגענע, טיעף דורכ־געלעבטע און אַלע מאָל מיט טויט אָנגעהויכטע שורה'לאך. איך זעה פאַר זיך דעם יונגען בחור דעם אונבאַהאָלפענעם, דעם ניט צוגעפּאַסטען צום לעבען, דעם פרעמדען אומעדום, דעם קרענק־ליכען און פאַרלאָרענעם. רוה זוכט ער — געפינט ער ניט, איינ־זאַם וויל ער זיין — קען ער ניט, עפּעס אויפטון וויל ער — וויים ער ניט וואָס. ער וואָלט געזינדיגט — האָט ער מורא פאַר דעם, און איז צו ערעל און רעליגיעז.

וואַנדעלט ער אַרום איבער די שטעדט פון אַמעריקאַ, כאַפּט זיך צום לערנען, לערענט און הערט אויף: נעמט זיך צו אַרבייט — און אַנטלויפט אין אַנ'אַנדער שטאָדט. טראָגט זיך אַרום מיט אַ פלעשעלע סם אין קעשענע און צערטעלט דעם גע־דאַנק פון זעלבסטמאָרד.

ביז וואנען עס קומט זיין אויסלייזונג...

ער איז ניט דער איינציגער, וועט איהר זאגען. יע, עס זיי־נען פארהאן אפולע ווי ער. ער האט אונז אבער ניט ווילענדיג דערצעהלט זיין ודוי א געזונגענעם, א דורכגעלייטערטען און איז געגאנגען צום טויט א בארוהיגטער, א פארליעבטער כמעט, מיט דער שטילקייט פון א קינד...

„זיץ איך און קלאג
איינער אליין
אויף די רואינען...“

און ווייטער:

„נאר איך איינער א פארשטומטער טראג אין הארצען
— וועלט... מיין וועלט“

און ער ענדיגט מיט אזעלכע וואונדערבארע ווערטער:

„קום צו דער אייביגער רוה, מיין טייערער, קום...“

ה. לייוויק.

ניו יארק, מערץ, 1919.

היאצינטה.

שטילעס בלימעלע אין רייך,
מיט די עניו'דיגע גלעקלעך,
איז ווער דיר אין אומעט גלייך?

איינזאם בלימעלע אין גארטען,
שטילעס בלימעלע אין רייך,
מיט די בלעטלעך די פארטרוימטע,
איז דער דיכטער דיר ניט גלייך?

א באשיידען מענשעל, היאצינטה,
האט אין רוים אמאל געלעבט, —
האט זיך ניט געיאגט נאך כבוד,
צו עשירות ניט געשטרעבט.

האט אין הארצען שטיל געטראגען
פון פאנטאזיעס א וועלט:
און אז ס'האט די שטאדט דערעסען,
ער געגאנגען איז אין פעלד.

אויף א גרינעם בארג דארט ערגעץ
זיך א ביידעל אויסגעבויט —
און געלעבט זיך ווי א פויגעל,
עהרליך צו זיין גאט פערטרויט.

פלעגט צום מארגען שיקען תפילות,
האט דעם אונטערגאנג געוואכט —
און באגלייט די זון מיט אומעט,
און געטרוימט לאנג אין דער נאכט.

איהם באמערקט האט ווען אפאלא,
פאר א פריינד זיך איהם ערוועהלט, —
אפט באזוכט האט ער זיין ביידעל
און איהם מעשה'לעך דערצעהלט.

און געוואַלט האָט ער אויסלערנען
איהם מיט פּיילען קונציג שפּיעלען —
פלעגט ער אויף דער יאַגד איהם נעהמען
און איהם ווייזען ווי צו ציעלען.

ס'קען א גאָט ניט אויף פאַראויסזעהן —
ס'איז א פּייל'ס קאַפּריז געווען —
האָט געטראָפען היאַצינטהין,
און אן אונגליק איז געשעהן...

לאַנג געזעסען איז אַפּאָלאָ
נעבען טוידטען קערפּער שטום.
ביז געבראַכט איהם האָט אין גאָרטען,
און פערפלאַנצט איהם אין א בלום.

איינזאַם בלימעלע אין גאָרטען,
שטילעס בלימעלע אין רייך —
אומעטיגע חלומ'דיגע,
נור דער דיכטער איז דיר גלייך.

די רויטע נעלקען.

אין א שטורם־טאָג געפלאָג   ז
האָט דער דיכטער מיט זיין ארע
און בעגוטיגט מיט זיין בלוט זיי

זיינען רויט דארום די נעלקען
און זיי וועקען אייך צום שטורעם
און זיי ווייסען ניט קיין וועלקען.

„פערגעס מיך ניט״.

כ'האב מיט טהוי זיך ריין געוואשען,
כ'האב מיין זייבער שטארק געהיט:
נור פאר דיר, זאלסט קומען נאשען —
זעה, פארגעס מיך ניט!

כ'האב אין טרוים זיך אפגעגעבען
נור צו דיר, פאר דיר געגליהט:
נא, איך גיב דיר אב מיין לעבען —
זעה, פארגעס מיך ניט!

ס'איז צו גארניט מיר די שמערצען, —
רייס די בלעטער, ברעך די בליטה!
אהן א שלוכצען, אהן א קרעכצען
זעה, פארגעס מיך ניט!

דאָס קערענדעל.

וואונדערבארעס קערענדעל
טיעף אין בערגעל גליהט;
ווי א קינד אין וויעגעלע
ווערט עס דארט געהיט.

קונדס'דיגע מעשים'לעך
טראָגט עס שוין אין מיין;
ווי א גבור, רייסט עס זיך —
דאָך אזוי נאָך קליין.

ס'וויל זיך ווייזען אויף דער וועלט
עקשנ'דיג און שלעכט, —
יעדען, ווער נור ריהרט עס אן,
דראפּעט עס און שטעכט.

מימאזא.

ריהר ניט אָן — עס שאפט מיר פּיין:
שווער צו לעבען, שווער צו זיין,
ווייניג לופט און ווייניג שיין —
ריהר ניט אָן...

ריהר ניט אָן — עס שאפט מיר פּיין:
שוואך בין איך און הילפלאָז־קליין,
לאָז מיך איבער דא אליין —
ריהר ניט אָן...

ריהר ניט אָן, ניט שטער מיין רוה,
בין געבראַכט צו ליידען דאָ,
אָט קומט אָן מיין לעצטע שעה —
ריהר ניט אָן...

אין מדבר.

1.

כ'האָב דיך, וועלט פון שקלאַפען, הערשער,
כ'האָב דיין פוסטען, גלאַטען לעבען;
דיינע פריידען, דיינע טרייסטען
קענען מיר קיין פריערען געבען.

ווי מען לעבט דאָ נור מיט שווינדעל,
נור מיט קויפען און פארקויפען —
ניין, איך קען דאָ מעהר ניט בלייבען!
ניין, איך מוז פון דאַנ'ן אנטלויפען!

כ'וויל אין מדבר מיר אוועקגעהן,
דאָרטען וואו א שטיין געפינען —
וועל זיך לעבען דאָרטען איינזאַם,
נאָך מיין פרייען ווילען, זינען.

גלייך מיט פויגלען, מיט געוויקסען
ניט איך צעהל און ניט איך רעכען, —
זארגלאז שפאן איך אויף די בערג דארט
און איך פיהר מיט גאט געשפרעכען.

2

זיי געגריסט, פארטראכטער מדבר!
זייט געגריסט, באטריבטע סטעפעם!
כ'האב געבראכט צו אייך מיין עלענד,
האב איך דען מיט זיך נאך עפעס?

אלעס האט די וועלט גענומען,
האט געראבט מיין גאנץ פארמעגען
און געלאזט מיך א דערשלאגענעם
אויף די ברייטע, וויסטע וועגען.

און איך בין צו אייך געקומען
שמארץ און וועהטאג אין נשמה,
ווי ביים פאטער, א פעראירטער,
כ'זוך ביי אייך זיך א נחמה.

לערענט מיך מיט אייך צולעבען,
אייער טיעפען זין און וויסען, —
ווי א קינד כ'וועל זיין געהארכזאם —
כ'וועל מיין הארץ פאר אייך אויפשליסען.

פיהרט מיך, פיהרט מיך, שטילע פעלדער,
ווי א פאסטוך זיינע רינדער —
כ'האב פארטרויעט אייך, שטילע פעלדער,
מיין הארץ און מח — גוטע קינדער.

.3

מיט דער וויסטענויי צופרידען
לעב איך זיך דא פריי;
כ'האב מיין לעבען איינגעארדענט
אלעם אויף דאס ניי.

מיך די וועלט שוין קימערט ווייניג
און איך זארג ניט פיעל.
אויף א בארג דא שטעהט מיין ביידעל
און איך זיץ מיר שטיל.

יעדען מארגען קוים עס גרויט נאך
גייע איך מיר ארויס —
אינ׳ם מארגען־טהוי מיין קערפער
וואש איך זויבער אויס.

שפיר איך מוטה אין מיינע גלידער
און עס ווערט מיר לינד —
לויף איך איבער זאמד און טיינער,
לויף איך, ווי אן אינד.

אויף די פעלזען כ׳קלעטער קונציג
מיט די הירשען גלייך —
אויף די שפיצען, אויף די הויכע,
דארט זאל זיין מיין רייך.

קיינער גלייך איז מיר אין מדבר:
כ׳בין אליין, אליין!
כ׳האב א סוד געהערט פון שטילקייט:
— אויסדערוועהלט וועסט זיין...

4

אבענדס זיץ איך אין מיין ביידעל
און איך פלאן מיר און איך טראכט.
כ'וויים אין מדבר נור איין ליעדעל
און איך זינג עס אלע נאכט.

שטילע טרוימען... שטילע טרוימען
און מיין הארץ פארשטומט און טריב...
זינג איך ווידער מיר מיין לידעל:
— אך, דאס עלענד איז מיר ליעב!

איינגעהילט אין רוה און טרויער
זיץ איך און איך דרעמעל מיר...
הער איך טריט אין לייכטען אבקלאנג —
און עס קלאפט מיר ווער אין טיר.

א, מיין הארץ עס קלאפט זיך שנעלער
און א גרויל פארכאפט מיין גוף...
שטילער שאטען! זאג ווער ביסטו?
און וואס שטערסטו מיר מיין שלאף?

קוקט ער שטאַר מיט שטומע בליקען,
און עס פּייניגט מיך און קוועלט
ווי ער פּליסטערט, ווי ער מורמעלט —
האָסט פאַרגעסען שוין די וועלט?...

5

אומעטיג איז מיר. איך וויים ניט וואָרום:
ס'קוקען די זאַמדיגע פעלדער אַרום:

בייז איז דער הימעל, פאַרפינסטערט און קאַלט —
אַך, ווי ניט היימליך! אַ שרעק מיך באַפאַלט.

כ'וואַנדעל איז אַהנמאַכט מיט שרעקיגען טראַט,
כ'קען זיך אין מדבר געפינען קיין אָרט.

ס'פרעסט מיך דער קומער און דריקט מיך די פּיין,
כ'קען מעהר אין מדבר שוין רוהיג ניט זיין.

עס קרימען זיך, לאַכען די ליימיגע בערג —
וואָס דרעהסטו זיך אום דאָ, דו נישטיגער צווערג?

6

שטורעם־ווינט! שטורעם ווינט!
ווער איז איהם גלייך דא?
פעלזען צושטויסט ער,
שטיינער צוברעכט ער —
קען איהם ווער שטערען?
רחמים דער הימעל,
וויינענדיג, בעט זיך:
זאמדיגע אינדען דערשו
לויפען צוקודלעט:
איך בין דערשלאגען
און מוטהלאז...
שטורעם ווינט! שטורעם ווינט!
שטורעם פון הארצען,
קען ווער דיך שטילען?
ליכט — אויסגעלאשען,
טורעם — צושטערט,
טרוימען — דערשלאגען,
אויגען — צושטאכען,

קערפּער — פאַרבלוטיגט...
זיץ איך און קלאָג איינער אַליין אויף די רואינען...

7

וועלט... מיין וועלט...
בערג און פעלדער אַלע זינגען
און דאָס ווינטעל העלפט זיי מיט:
— מדבר! מדבר!
נור איך איינער זיץ פאַראומערט און איך מורמעל:
— וועלט... מיין וועלט...

בלויע שטערען — זאַנפטע פונקען,
ווי זיי טונקען זיך און ווינקען:
— הימעל! הימעל!
נור איך איינער, א פאַרשטומטער, טראָג אין האַרצען
— וועלט... מיין וועלט...

פויגלען אַלע שרייען פרעהליך
און פאַרפליהען ווייט העט־ווייט:
— פרייהייט! פרייהייט!
נור איך איינער בלייב דערשלאָגען און איך וויין מיר:
— וועלט... מיין וועלט...

פון דעם נאַכטליכען העפט.

1

אינ'ם טויטען שלאָס, דאָרט וואו עס וואָהנט די בלאַסע ניקסא, —
האָב איך מיין היים געמאכט,
און לעב איך דאָרטען, ווי א נזיר —
שטיל, פאַרטראַכט.

עס האָט א אָבענד־טרוים א גרויסער מיך באַזוכט
מיט שטרענגער שטים פאַרפאָלגט:
— צושטער דאָס גליק, פאַרלעש די ליכט
איך האָב געפאָלגט.

2

שווייגענד קוק איך דורך מיין פענסטערעל
צו דעם בלייכען שיין:
קום פאַרהילט אין זאַכטע סודות,
שטילער טרויער מיין.

פראל איך אויף מיין בענקענד הארץ,
אונבאפלעקט און ריין —
הערען אלע ווענט מיין
קינדערשען געוויין.

ווער עס קלאפט — קום אריין...
זעה, מיין גארטען אויסגעציהרט,
זעה, מיין פאלאץ אויסגערייניגט,
און מיין הארץ פארברענט אויף ליכט...
קום אריין...

3

צוברעך דיין הויז און דיין געזונד,
און געה מיט ניט פארהיילטער וואונד —
העט־ווייט פון טומעל וועלט,
אין ברייטען נעבעל פעלד.
אט קומט ער, אט קומט ער...

געפין א ווינקעל ערגעץ וואו,
נור ניט געפינען זאלסט דארט רוה:

דו דרעה אין פיין זיך, ווי א שלאנג,
נור ניט פארשטילען זאל דער דראנג.
אט קומט ער, אט קומט ער...

און ריין זאל זיין דיין זעל פון זינד, —
זאלסט שמייכלען צו דיין בייזען גאט,
וואס האט פארהיילט פון דיר זיין סוד.
אט קומט ער, אט קומט ער...

4

אויפ'ן שטומען קבר, וואו עס איז
מיין פריינד געבליבען,
זאל איך אייביג זיצען און מיין
קלאג־ליעד וועבען.

הימעל, ליכט און ערד! איך טו זיך שווערען:
כ'זאל צום טאג זיך מעהר ניט קערען, —
אין דער פינסטער וועל איך בלייבען,
גליק און לוסט פון הארץ פארטרייבען —
זאל דער גאט פון בענקען
מיר זיין בליק נאר שענקען...

5

פערל קלייב איך
אין די ימ׳ען,
שטילען פונקען —
אין די פלאמען,
אין די הימלען —
העלע שטערען,
פון מיין הארצען —
ריינע טרערען,
און איך וועב דיר
מיין געבעט אויס:
שענק, אַה, וועלט, מיר
דיין גאונות!...

6

איהר לוסטיגע גליקליכע שטראלען,
איהר זארגלאזע, שפיעלענדע טעג, —
ניט נארט מיך מיט צויבער און פריידען,
ניט לייכט מיר אין איינזאמען וועג.

ניט וועקט אין מיין ליידענדען הארצען
צו פרעכטיגען גלאַנץ קיין פערלאַנג —
עס וויל ניט קיין רוה זיך געפינען,
נור וועהטאָג און שטורמישען דראַנג.

איך האָב צו די הימלען געשוואָרען
צו וויכען פון ערדישען גליק.
עס שרעקט מיך דער גאָלדענער חלום,
דער וואַרעמער גלעטענדער בליק.

פאַרבליהט שוין איהר גליהענדע שטראַהלען,
פאַרזינקט שוין, איהר פריעדליכע טעג, —
איך האָב זיך דער נאַכט אבגעגעבען,
און זי וועט מיך לערנען איהר וועג.

7

ד'האָב דער נאַכט זיך אָבגעגעבען:
פיהר מיך בייזע, פיהר מיך שוואַרצע,
דורך די וועגען שטעכיג־שווערע.
לעכצט אין דורשט מיין גומען — זעטיג

איהם פון דיינע ביטערע קוואלען:
וועהט א קעלט אין מיין נשמה —
היל זי איין אין שרעק און שאטען,
און פערוויעג זי מיט דיין אנגסט ליעד
פון דיין גרויסען טרויער...

8

מורמעלט זיך דאס טייכעל
דארטען פאר דער מיהל, —
ביי א שטיין איך ליעג מיר
ערגעץ אין דער קיהל.

כ'וויין מיין ביטער הארץ אויס —
ס'איז מיר אזוי שווער;
קלאפען טאקט די כוואליעס
מיר א טרויסט, איך הער.

— „געה די וועלט אויס זארגלאז
ווי זי איז נור גרויס,
גרויסען ים און טיעפען
אבגרונד פארש דיר אויס.

רוהיג, ניט גע׳כעס׳ט זיך,
קוק אויף אלץ מיט שכל —
סוף כל חכמות איז:
דער יאוש׳דיגער שמייכעל.

9

געשענקט האט מיר גאט א נשמה —
א שטילע א קינדיש פארטראכטע;
געהייסען זי טראגען דורך וועלט און דורך שטורם
און וואכיגען טומעל:
איך האב זי באהאלטען,
פארריגעלט מיט אייזערנע שלעסער,
פארהילט אין א נעבעל פון סודות,
די נאכט פאר א וועכטער גענומען,
נור קלאפט זיך דער טאג מיט געשרייען,
עס רייסט זיך די לוסט מיט געלעכטער,
עס קריכען די זינד ווי ווערים —
זי אומריין צו מאכען...
אט רייסען זיך דורך די געשרייען —
זי צאפעלט זיך, פלאטערט

און ראַנגעלט זיך, ראַנגעלט...
שטעה אויס דעם נסיון,
מיין שטילע נשמה!...

10

נעמט אוועק פון מיר די שיין, —
כ'וויל היינט בלייבען מיט דער נאַכט
און אויסוויינען מיין פיין.

כ'פיהל זיך זינדיג, נישטיג, קליין,
מוטלאָז בין איך און דערשלאָגען —
און עס שטיקט מיך דער געוויין.

גלייך עס האָט אין מיין נשמה
זיך פאַרקליבען אַ ניט גוטער
און ער נעמט פון איהר נקמה...

11

ניקסאַ, מיין ניקסאַ — צויבערין בלויע
זיי מיר אַ וועכטערין דו —
קומען די טעג אַז די וואַכעדיג־גר
דעק מיט די ן אומעט מיך צו.

עס קוקען אויף מיר צוויי שפּיציגע בליקען,
פאָדערען, פאָדערען פיל...
גיב מיר דו כוח די זינד צו דערשטיקען
טראָגען דעם יאָך אין דער שטיל.

נאָטיצען.

1

וואָס בין איך דער וועלט
שולדיג?
און וואָס איז מיר די וועלט
שולדיג?
טראָג איך איהר יאָך אויף זיך,
פרעה איך זיך מיט איהר,
וויין איך פאר איהר, —
און פאר וועמען איז מיין טרוים?
פאר וועמען מיין געזאַנג?...

2

שטורם זוך איך:
האָב איך אָבער ליעב דעם שטילען אונטערגאַנג,
דעם טויטען שלאָף.

דאָס געבעט...
זינג זוך איך —
האָב איך אָבער ליעב דעם ציטער,
דאָס מאַטערניש פון'ם קערפּער,
די פּיין פון דער נשמה.

3

פאַר וועמען זאָל איך מיין
פּיין טראָגען?
האָב איך פאַר די בערג געטראָגען —
האָבען זיי
מיך אָנגעקוקט גלייכגילטיג.
האָב איך פאַר דעם ים געטראָגען —
האָט ער זיך
געבייזערט און געשטורעמט.
האָב איך פאַר די ביימער געטראָגען —
האָבען זיי
געשאָקעלט מיט די קעפּ
און געקרעכצט.
האָב איך פאַר דער זון געטראָגען —

האט זי מיך
אנגעקוקט און געשמייכעלט.
האב איך פאר מענשען געטראגען —
האבען זיי געלאכט.

4

א בלאסער און אומעטיג שטילער, אין שאטען געהילט
און מיט פיינליכען בליק — מיין טאג.
ניט דער זארגלאזער, פרעהליכער, מיט שטראלען־שפילענדיגער:
ניט דער לוסטיגער, פרעכער, פון גליק־שרייענדיגער —
ער איז ניט מיינער.
ער געהט מיר פארביי ווי א געפאנצערטער ריטער
מיט גלאנצענדיגע שפיזען: שטאלץ קלינגען זיינע שפארען
הילכיג קלאפט ער אין פויקען
און רופט צום קריעג —
צו איהם קערט זיך ניט מיין הארץ...
אנ׳עלענדער, א פארטרוימטער, א בענקענדיגער — מיין טאג.
ער געהט שטילערהייט. צוקנייטשט איז זיין שטערען.
פאראומערט איז זיין בליק...
שוין נאכ׳ן קאמפף, שוין נאכ׳ן קאמפף...

איהם גיב איך מיין האנט.
ביידע וועלען מיר געהן און זינגען דאס ליעד:
„געוויין“...

5

טאנצט, טאנצט ליעבינקע שעה'ן,
זאמעלט זיך צונויף ארום מיר ווי קליינינקע מייזלעך.
שפרינגט ארויף אויף מיין הארצען.
קאראבקעט זיך ביז איך וועל פון הויט שפרינגען.
ביז איך וועל אנדרעמעלט ווערען.
ביז איך וועל אנדרעמעלט ווערען מיט א שמייכעל
אין נאכטיגער רוה...

6

אין לבנה נעכט בלאנדזשע איך
איבער די גערטנער. ווי דערהויבענע
דרואידען זעהען אוים די ביימער געהילטע
אין זילבער בלאסען און בלויליכען שיין.
און זיי שמעקען עפעס מיט א בעזונדער
ריח. מיט א ריח פון לבנה נאכט.
איך האב ליעב ארומגעהן

אין דער סודות׳דיגער טונקעלקייט.
איך געה ארום און זוך עפּעס. איך ווייס אליין ניט וואס,
גלייך ווי פון דור דורות
וואלט מיר געווען א געבאט
געגעבען צו זוכען דאָרט אן אוצר.
און אימער, ווען איך געה ארום אין די גערטנער
געהט מיט מיר מיט מיין בלינדער חבר.
א דאר אינגעל מיט בלינדע אויגען
ער געהט און וויינט
און זוכט זיינע אויגען.

7

איך האָב איהם באגעגענט
אויף די שייד וועגען.
א ברייט בייניגער מענש מיט לאנגע
שווארצע האר, געהילט אין שמאַטעס
דעם האלב נאקעטען קערפּער,
און ליגט אויף א שטיין און
וויינט.

כ׳האב א פריינדליכע האנד
אויף זיין אקסעל געלעגט:
וואס וויינסטו חבר?
האט ער זיין קאפ אויפגעהויבען און געמורמעלט:
— וועלט...
איז מיין הארץ פארקלעמט געווארען
און האב אויך גענומען וויינען.
פון דאמאלס זיינען מיר חברים געווארען.

8

שטארבען ערגעץ אין א ווינקעל
מיט א תפלה אויף די ליפען
קיינער זאל אויף דיר ניט וויינען.
קיינער זאל אויף דיר ניט חליפען.

און זיך שלאפען טרוימלאז, רוהיג.
שא, דער קאמפף איז שוין פאראיבער
און פארשטילט שוין אלע וועהען
פון דעם שווערען לעבענס פיבער.

אך, ווי גוט עס איז צו פוילען,
און צו פאלען אין אטאמען,
און זיך טראגען מיט די ווינטען
איבער שבעה שבע ים׳ען!

9

רוהיג, געלאסען:
קיינעם ניט האסען:
שמייכלען און שווייגען,
גוט זיך נאר צייגען:
אימער פערגעבען —
אזוי זאלסטו לעבען.

10

איך בין געשטאנען און האב
זיך לאנג איינגעקוקט
אין דער געדיכטער שווארצקייט פון ים.
און איך האב דערזעהן
צוויי גרויסע גרויע אויגען
קוקען אויף מיר מיט אזא בייזקייט
מיט אזא שטרענגקייט.

אז עס איז מיר געווארען
מורא׳דיג אונהיימליך
און אזוי טרויעריג, אז איך
האב שטונדען לאנג
געוויינט ווי א קינד און
לאנג, לאנג ניט געקאנט
קומען צו זיך.

11

איך האב ניט קיין שטערן.
פארנעבעלט, פארפינסטערט מיין הימעל,
ליג איך מיר שטיל אין א דרימעל
און קוק אויף דער וועלט —
ניט כ׳בענש, ניט איך שעלט.
עס האבען מענשען טרוימען,
און מיט יעדען טרוים
ווערט א שטערן אנגעצונדען.
איך האב שוין מעהר קיין טרוימען,
און מיינע שטערן לעשען זיך און שווינדען.

12.

טויט! אן אלטער באקאנטער, אבער ווי געענדערט זעהט ער אויס.

איך האב איהם אין מיין קינדהייט געזעהן, א פעטער ציגיינער מיט גרויסע פינטעלדיגע שווארצע אויגען, מיט לאנגע אויסגע־דארטע הענט און שארפע נעגעל. און אז ער פלעגט קומען, פלעגט ער אויסטשירען די ציין, אויסציהען זיינע לאנגע נעגעל־דיגע פינגער און זיין גרייט צו פייניגען.

אין מיין אינגעלשער יוגענד פלעגט ער קומען געקליידט ווי א ריטער און מיך רופען אין שטרייט.

היינט קומט ער ווי א גוטמוטיגער אלטער, מיט א לאנגער גרויער בארד און גוטע שמייכעלדיגע אויגען און מורמעלט שטיל: „קום צו דער אייביגער רוה, מיין טייערער, קום...“